בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
ע"ד

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור


'מקום נחש שרף ועקרב'
אויסרייסן די דעמבעס
זיך נישט מייאש זיין – די ווייטע און די נאנטע
אומרים לו 'המתן'
'אריכת אפים' ביים דאווענען
וועלן און וועלן און נישט אויפהערן צו וועלן
צוקומען צו מדריגת רבי עקיבא
חסיד'ישע שטיק
די יארמולקע פונעם חוזה
גערעטעוועט א איד פון אן עבירה
נישט מאכן קיין 'עגל' נאך קבלת התורה!
לבלתי תחטאו – זו הבושה
איבערגעציילט די לעפל
לפתח חטאת רובץ
זיך מתחבר זיין מיט חברים
א חבר - אלע טאג!
וחירה – 'רעהו'
מילתא דשטותא ביי אונזערע זקנים
די שמחה דורך א שטיקל שאלאכטס


להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: 1-646-585-2960 ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: 033-03900485 ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 74**


©

כל הזכויות שמורות



הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: 072-257-3456)


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
Rlyb148@Gmail.com

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של 15$ עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' 347-232-7166 (1+)

בס"ד

# פרשת בהעלותך (ח"ב), שנת תשל"ה

(טייפ מס' 83#)

## 'מקום נחש שרף ועקרב'

אין אוקריינא זענען געווען פראסטע מענטשן - און די צדיקים האבן פארנומען די פלעצער, ווייל דאס איז געווען ממש א מדבר שממה - מעזיבוזש.

מעזיבוזש איז געווען אזא פראסטע, אזא גראבע שטאט, א געוואלד, א גראבע שטאט א מגושמ'דיג שטאט איז געווען מעזיבוזש, און דארטן איז אריין דער 'בעל שם הקדוש', דארטן איז אריין דער בעל שם הקדוש!

ברסלב איז אויך געווען, דער רבי איז אויך געווען דארטן, דארטן איז אריין דער רבי![א]

די זאך איז אזוי - די צדיקים האבן דאך נאר גענומען די ערטער וואס איז א מדבר שממה. די אידן זענען געווען אין מדבר פערציג יאר, 'מקום נחש שרף ועקרב', אזעלכע קליפות, די קליפות זענען געוואלדיג געווען, מען וואלט גארנישט געקענט אויסהאלטן פון די קליפות, נאר ווען אידן זענען געגאנגען האבן זיי צוטרעטן זיי[ב]. דארטן איז געווען

**א.** עי' עלים לתרופה – מכתבי רבינו מכתב א' (בדפוסים החדשים) בא"ד, וז"ל: איר זאלט מתפלל זיין פאר מיר בכל תפילה ותפילה און נישט צו פארגעסן די טובות וואס איך האב אייך איטליכער געטאן ביז אהער וכו' דערמאנט אייך איטליכער וויאזוי איך האב אייך געפונען אז איך בין געקומען קיין ברסלב און וויפיל כוחות ברוחניות וגשמיות איך האב אויסגעבראכט ארום אייך וכו'. גם עי' שיש"ק החדש ח"א שיחה ע"ד, ובשיחה שט"ז.

**ב.** עי' זוה"ק תרומה קנ"ז. ובליקו"ה ר"ה ה"ד, אות ז', מביא שם: וְזֶה בְּחִינַת מַה שֶּׁהָלְכוּ יִשְׂרָאֵל בַּמִּדְבָּר אַרְבָּעִים שָׁנָה וּמִדְבָּר הוּא מְקוֹם הַחִיצוֹנִים מְקוֹם נָחָשׁ וְשָׂרָף וְעַקְרָב וְכוּ' וְיִשְׂרָאֵל הֻכְרְחוּ לָלֶכֶת שָׁם דַּיְקָא. **וְאִיתָא שֶׁשָּׁם בַּמִּדְבָּר הָיוּ יִשְׂרָאֵל דּוֹרְכִים עַל הַסִּטְרָא אָחֳרָא, וְעַל-כֵּן הֻכְרְחוּ לָלֶכֶת שָׁם כְּדֵי לְהַכְנִיעַ שָׁם הַסִּטְרָא אָחֳרָא בִּמְקוֹמָהּ כְּדֵי לְבָרֵר מִשָּׁם הַקְּדֻשָּׁה.**

דער משכן, דארטן איז געווען דער קודש הקדשים, האט מען דאס צעטרעטן, אבער פונדעסטוועגן אפילו מען האט זיי צעטרעטן האבן זיי קאמאנדעוועט, און עס איז געווען די אלע פגמים - וילונו, 'וילונו'[ג], אלץ איז געווען פון די קליפות[ד].

❖

# אויסרייסן די דעמבעס

די צדיקים דאס איז זייער עבודה, אז דארטן וואו עס איז חושך צלמות, דארטן גייען זיי אריין, און זיי זענען גרויסע בעלי כוחות, זיי זענען זיכער אז זיי וועלן חלילה נישט נלכד ווערן, און זיי ארבעטן! זיי ארבעטן זיי צו ארויסרוימען - 'ובערת הרע', אויסרוימען די שלעכטס[ה].

דער רבי האט דאך אזוי געזאגט: "אויסרייסן די דעמבעס!"[ו] דו ווייסט וואס הייסט א דעמב? אן אלטער בוים! -

**ג.** במדבר י"ד, ב.; שם י"ז, ו.

**ד.** עי' ליקו"ה ערלה ה"ד, אות ט"ז, וז"ל שם, בא"ד: כִּי עָבְרוּ בַּמִּדְבָּר מְקוֹם נָחָשׁ שָׂרָף וְעַקְרָב וְצִמָּאוֹן וְכוּ' שֶׁהֵם מְקוֹם תֹּקֶף הַקְּלִפּוֹת וְהַסִּטְרָא אָחֳרָא כַּיָּדוּעַ וְהָיָה צְרִיכִים לִלְחֹם עַל קְלִפּוֹת קָשׁוֹת וַעֲצוּמוֹת שֶׁהָיוּ בִּמְקוֹמוֹת כָּאֵלּוּ. **וְזֶה גָּרַם לָהֶם שֶׁכַּמָּה פְּעָמִים לֹא יָכְלוּ לַעֲמֹד בְּנִסָּיוֹן וְנִכְשְׁלוּ בְּמַה שֶּׁנִּכְשְׁלוּ.** וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל עַל פָּסוּק, וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בַּשִּׁטִּים וְכוּ' שֶׁהַמָּקוֹם גָּרַם לָהֶם לַחֲטֹא, כְּמוֹ שֶׁאִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ (זוהר חדש כי תבא עח.).

**ה.** עי' ליקו"ה כלאי הכרם ואילן ה"א, אות ה': "וְעַל-כֵּן הַצַּדִּיקִים שֶׁהֵם בִּבְחִינוֹת אִילָנָא רַבְרְבָא שֶׁכְּבָר זָכָה לְתַכְלִית הַקְּדֻשָּׁה בִּשְׁלֵמוּת לִבְחִינַת יִחוּדָא עִלָּאָה, בְּוַדַּאי **אֵינוֹ מִתְיָרֵא עוֹד מֵהַיֵּצֶר הָרָע בְּתַאֲוָה הַגַּשְׁמִיּוּת** חַס וְשָׁלוֹם וכו'. וּמֵחֲמַת זֶה **יָכוֹל הַצַּדִּיק לְהוֹרִיד עַצְמוֹ לַמַּדְרֵגוֹת הַתַּחְתּוֹנוֹת** לַעֲסֹק עִם הֶהָמוֹן עַם לְהַמְשִׁיךְ לָהֶם קְדֻשָּׁה וּלְהַחֲזִירָם בִּתְשׁוּבָה **כִּי הוּא אֵינוֹ מִתְיָרֵא שֶׁלֹּא יִתְאַחֵז בּוֹ חַס וְשָׁלוֹם אֵיזֶה פְּגַם מֵהֶם!**

**ו.** עי' חיי מוהר"ן אות ר"מ: שָׁמַעְתִּי שֶׁפַּעַם אַחַת הָיָה אִישׁ אֶחָד מֵאַנְשֵׁי־שְׁלוֹמֵנוּ קוֹבֵל לְפָנָיו מְאֹד עַל חֶסְרוֹן פַּרְנָסָתוֹ. אָמַר לוֹ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: **אֵינִי יוֹדֵעַ אֵיךְ יֵשׁ לָכֶם לֵב כָּזֶה לְבַלְבֵּל אוֹתִי בְּהַבְלֵי עוֹלָם הַזֶּה, הֲלֹא אֲנִי דּוֹמֶה כְּמִי שֶׁהוֹלֵךְ יוֹמָם וָלַיְלָה בַּמִּדְבָּר, וְחוֹתֵר וּמְבַקֵּשׁ לַעֲשׂוֹת מִמִּדְבָּר יִשּׁוּב.** כִּי בְּכָל אֶחָד מִכֶּם בְּלִבּוֹ מִדְבַּר שְׁמָמָה מֵאֵין יוֹשֵׁב, וְאֵין שָׁם מָדוֹר לַשְּׁכִינָה וַאֲנִי חוֹתֵר וּמְבַקֵּשׁ בְּכָל עֵת לַעֲשׂוֹת אֵיזֶה תִּקּוּן וּמָקוֹם בִּלְבַבְכֶם לִהְיוֹת שָׁם מָדוֹר לַשְּׁכִינָה. הֲלֹא כַּמָּה יְגִיעוֹת צְרִיכִין לַעֲשׂוֹת מֵאִילָן סְרָק עָב שֶׁקּוֹרִין '**דֶּמְבּ**' לַעֲשׂוֹת מִמֶּנּוּ כֵּלִים יָפִים וּרְאוּיִים לְתַשְׁמִישׁ אָדָם. כַּמָּה יְגִיעוֹת צְרִיכִין לָזֶה עַד שֶׁמְּסַתְּתִין אוֹתוֹ וּמְנַסְּרִין אוֹתוֹ וּמְתַקְּנִין אוֹתוֹ בִּמְעַצָּד וּבִשְׁאָר כֵּלִים הַצְּרִיכִין לָזֶה. כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ יְגִיעוֹת כָּאֵלּוּ צָרִיךְ אֲנִי לְיַגֵּעַ אֶת עַצְמִי עִם כָּל אֶחָד מִכֶּם לַעֲשׂוֹת עִמּוֹ אֵיזֶה תִּקּוּן. וְאַתֶּם מְבַלְבְּלִין אוֹתִי בַּהֲבָלִים כָּאֵלֶּה?!.

אזא בוים קען זיין הונדערטער יארן, עס איז אן אלטער דעמב, מען קען אים גארנישט רירן, אויסהאקן די דעמבעס און מאכן דערפון גוטע כלים! אויסהאקן די דעמבעס, די האלץ, און מאכן שיינע האלץ און מאכן גוטע כלים - דאס איז די ארבעט פון צדיקים.

אז מיר האבן א רבי'ן, אזא בעל כח, מעגן מיר זיך פארלאזן און ארייננגיין און וועלן ווערן בעסער, וועלן ווערן שענער, און האפן אז מיר וועלן כובש זיין. פארוואס? ווייל מיר האבן אזא בעל כח!

א בעל כח וואס ער האט נאך בחייו אזוי פיל איבערגעלאזט, און צדיקים איז דאך 'גדולים צדיקים יותר מבחייהם', און איצטער איז דא דער כח פונעם רבי'ן, עס לאזט זיך נישט אוים, און מיר האבן די הייליגע ספרים[ז], קען מען! מען קען יא! נישט זיין אזוי אפגעלאזט אזוי, אפלאזן זיך אזוי.

❖

## זיך נישט מייאש זיין - די ווייטע און די נאנטע

אז דער רבי האט געשריגן "געוואלד! זייט אייך נישט מייאש!"[ח] האט דער רבי דאס געשריגן נאר צו די ווייטע? וואס זיי ליגן אין שאול תחתיות? יעדן איינעם האט דער רבי דאס געזאגט: 'זייט אייך נישט מייאש!' -

---

**ז.** עי' ליקו"ה בשר בחלב ה"ה, אות א', וזל"ק: "'**גְּדוֹלִים צַדִּיקִים בְּמִיתָתָן יוֹתֵר מִבְּחַיֵּיהֶם**', וַעֲדַיִן הֵם עוֹסְקִים אַחַר הִסְתַּלְּקוּתָם לְהַמְשִׁיךְ וּלְהָאִיר הַשָּׂגַת אֱלֹקוּת גַּם בְּהָרְחוֹקִים וְהַחוֹלִים בְּיוֹתֵר **עַל-יְדֵי סִפְרֵיהֶם** וְתַלְמִידֵיהֶם הַיְקָרִים!".

**ח.** ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"ח

**יעדער - ער וויל עפעס א גוטע זאך - זייט איך נישט מייאש! זיי דיך נישט מייאש פון די זאך וואס דו ווילסט! וויל, און וויל און וויל - לאז נישט אפ דעם געדאנק!**

**וואס א מענטש וויל עפעס א זאך און לאזט עס אפ -** (איז עס) **ווייל ער איז זיך מייאש; 'עס איז צו שווער פאר מיר, איך וועל ממילא נישט קענען קומען דערצו', אפילו ער קען טאקע נישט קומען - אבער דאס 'וועלן' דארף מען נישט אפלאזן, איך קען נישט קומען, בפועל ממש קען איך נישט קומען, אפילו איך ווארט א לאנגע צייט, אבער דעם וועלן זאל מען נישט אפלאזן - איך וויל!**[ט]

❖

# אומרים לו 'המתן'

**דער רבי זאגט אין דער תורה פון 'קרא את יהושע'** (ליקוטי מוהר"ן סי' ו')**: "אומרים לו המתן"**[י] **מען זאגט אים ווארט! איז דאך נישט קיין פשט וויפיל ווארטן, אמאל קען מען הייסן ווארטן יארן**[יא]**, וויפיל מען הייסט אים ווארטן, 'כתר לי זעיר'. אבער דער 'זעיר' ביי דעם בורא עולם קען זיין א זעיר אסאך צייט, 'כתר לי זעיר ואחוך', מען הייסט אים ווארטן, און אין דער צייט וואס ער ווארט דארף ער אסאך בעטן דעם אויבערשטן און וועלן!**

---

**ט.** עי' ליקו"ה ערב ה"ג, אות ה': וְצָרִיךְ כָּל אָדָם כְּפִי מַה שֶּׁהוּא לְהַרְגִּיל עַצְמוֹ מְאֹד בָּזֶה לִכְסֹף וּלְהִשְׁתּוֹקֵק תָּמִיד לַה' יִתְבָּרַךְ בְּרָצוֹן חָזָק וְתַקִּיף, **וְדָבָר זֶה יָכוֹל בְּוַדַּאי כָּל אָדָם לְקַיֵּם אֲפִלּוּ הַפָּחוּת שֶׁבַּפְּחוּתִים** וְאִי אֶפְשָׁר לְקַלְקֵל וְלִסְתֹּר עֵצָה הַזֹּאת בְּשׁוּם אֹפֶן מִי שֶׁיִּרְצֶה לְקַיְּמָהּ, כִּי בִּשְׁלָמָא כָּל **הַדְּבָרִים וְהָעֵצוֹת שֶׁבָּעוֹלָם יָכוֹל הַבַּעַל דָּבָר לְהִתְגַּבֵּר לִבְלִי לְהַנִּיחַ אֶת הָאָדָם לַעֲשׂוֹתָם**, אֲבָל רָצוֹן לְבַד זֶה אִי אֶפְשָׁר לִסְתֹּר בְּשׁוּם אֹפֶן כִּי יִהְיֶה אֵיךְ **שֶׁיִּהְיֶה, אַף עַל פִּי כֵן אֲנִי רוֹצֶה לָשׁוּב לַה' יִתְבָּרַךְ בְּרָצוֹן חָזָק... וְיָכוֹל לִזְכּוֹת עַל יְדֵי זֶה לִתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה בֶּאֱמֶת וְלַעֲלוֹת לְכָל הַמַּעֲלוֹת דִּקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל!** עי"ש.

**י.** שם אות ב': וְזֶה בְּחִינַת כֶּתֶר, כִּי **כֶּתֶר לְשׁוֹן הַמְתָּנָה**, בְּחִינַת תְּשׁוּבָה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יוֹמָא לח: לט.): 'הַבָּא לִטָּהֵר מְסַיְּעִין לוֹ, מָשָׁל לְאֶחָד שֶׁבָּא לִקְנוֹת אֲפַרְסְמוֹן. אוֹמְרִים לוֹ: **הַמְתֵּן'** וְכוּ', וְזֶה בְּחִינַת כֶּתֶר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (אִיּוֹב ל"ו): **"כַּתַּר לִי זְעֵיר וַאֲחַוֶּךָּ"**.

**יא.** עי' ליקו"ה תפילין ה"ה, אות מ"ג, וז"ל שם: וּבִבְחִינָה זוֹ צָרִיךְ לְהַרְבּוֹת בִּתְפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת מְאֹד מְאֹד כָּל יְמֵי חַיָּיו, שֶׁזֶּה הָעִקָּר וְצָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בָּזֶה מְאֹד מְאֹד, **שֶׁאַף-עַל-פִּי שֶׁנִּדְמֶה לוֹ שֶׁדְּבָרָיו אֵינָם מוֹעִילִים כְּלָל, וְהוּא רָחוֹק מִדְּבָרָיו מְאֹד כִּי זֶה יָמִים וְשָׁנִים שֶׁעוֹסֵק בָּזֶה וַעֲדַיִן לֹא פָּעַל כְּלָל אַף-עַל-פִּי -כֵן צָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בָּזֶה!**

ער גייט דאך אריין קויפן אפרסמון, ער וויל דאך קויפן אפרסמון, און מען גיט אים נישט, מען פארקויפט אים נישט, מען זאגט אים ווארט צו - זאל מען נישט אויפהערן ווען דעם אפרסמון, כאטש איך זעה אן אנדערן גיט מען שוין נעפט, מען גיט אים; איך ווארט און מען גיט מיר נישט, זאל ער נישט אויפהערן ווען, אז ער וועט נישט אויפהערן ווען וועט ער באקומען דעם אפרסמון[יב].

א מענטש, ער איז ווייט און ער וויל זיך מקרב זיין צום אויבערשטן, זענען דא מקטרגים[יג], פארוואס קומט אים?! וואס קומט אים?! מוז מען אים געבן מניעות, מען קען אים נישט געבן באלד קיין ליכטיגקייט, מען קען אים נישט שענקן באלד אז ער זאל שוין זיין... אז ער האלט זיך און האלט זיך, זעהט מען אז ער מיינט פארט מיט אן אמת, דעמאלטס קען מען אים שוין געבן[יד].

און דעם שיעור ווייסט מען אויך נישט! אויבן מאכט מען שוין דעם שיעור, וויפיל און וואס, ווען און וואו, יעדער איינער איז נישט גלייך; איינעם קען מען געבן גיך, איינעם קען מען געבן מער, איינעם קען מען הייסן ווארטן אלע יארן, און לאחר הסתלקותו זעהט ער יא, זעהט ער וואס ער האט אויפגעטוהן מיט זיין ווארטן[טו].

---

**יב.** וזל"ק של מוהרנ"ת בליקו"ה ברכת המזון ה"ד, אות כ': **וְאִם יִהְיֶה עִקְשָׁן בְּהָרָצוֹן לִבְלִי לְהָנִיחַ אֶת הָרָצוֹן** וְהַכִּסּוּפִים דִּקְדֻשָּׁה בְּשׁוּם אֹפֶן אַף אִם מַפִּילִין אוֹתוֹ כְּמוֹ שֶׁמַּפִּילִין אוֹתוֹ חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלַן, **אֲזַי סוֹף כָּל סוֹף בְּוַדַּאי יַעַזְרוֹ ה' יִתְבָּרַךְ לְשַׁבֵּר וּלְבַטֵּל כָּל הַמְּנִיעוֹת!**, עיי"ש באריכות נפלא.

**יג.** עי' ליקו"מ קט"ו, וז"ל: "**מִי שֶׁהוּא הוֹלֵךְ בְּגַשְׁמִיּוּת כָּל יָמָיו, וְאַחַר כָּךְ נִתְלַהֵב וְרוֹצֶה לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אֲזַי מִדַּת הַדִּין מְקַטְרֵג עָלָיו**, וְאֵינוֹ מַנִּיחַ אוֹתוֹ לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וּמַזְמִין לוֹ מְנִיעָה. וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חָפֵץ חֶסֶד הוּא, וּמַסְתִּיר אֶת עַצְמוֹ כִּבְיָכוֹל בְּהַמְּנִיעָה הַזֹּאת. וּמִי שֶׁהוּא בַּר דַּעַת, הוּא מִסְתַּכֵּל בְּהַמְּנִיעָה, וּמוֹצֵא שָׁם הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא!", עי"ש.

**יד.** עי' ספר המידות ערך תשובה, אות ע"ו: הַמַּתְחִיל לַעֲבֹד אֶת ה', הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא אוֹמֵר לוֹ: יוֹדֵעַ אֲנִי, שֶׁחֶפְצְךָ וּרְצוֹנְךָ לַעֲבֹד אוֹתִי, אֲבָל מַה הוּא הַבְּטוּחוֹת שֶׁמָּא לְמָחָר תַּעֲזֹב אוֹתִי, אִם כֵּן אֵיךְ אֲקָרֵב אוֹתְךָ בִּשְׁבִיל הָרָצוֹן שֶׁרָצִיתָ, וְאֵיךְ אֲגַלֶּה לְךָ תֵּכֶף דְּבָרִים נִסְתָּרִים, אֶלָּא כֵּן תַּעֲשֶׂה: **בִּתְחִלָּה אֱהַב אוֹתִי כָּךְ וְתַעֲשֶׂה מִצְווֹתַי, אַף-עַל-פִּי שֶׁאֵין אַתָּה יוֹדֵעַ הַשֵּׂכֶל שֶׁל הַמִּצְוָה, וַעֲבֹד אוֹתִי פָּשׁוּט בְּלֹא חָכְמוֹת, וּכְשֶׁתַּעֲבֹד אוֹתִי כַּמָּה זְמַנִּים, אֲזַי אַאֲמִין לְךָ וַאֲגַלֶּה לְךָ טַעַם וְשֵׂכֶל שֶׁל כָּל דָּבָר וְדָבָר וַאֲקָרֵב אוֹתְךָ בְּכָל מִינֵי הִתְקָרְבוּת**, כִּי הַזְּמַן הָרַב שֶׁעֲבַדְתָּ אוֹתִי מִקֹּדֶם הוּא בְּטוּחוֹת, שֶׁלֹּא תַּעֲזֹב אוֹתִי. 'הֵן אֱמֶת' וכו', עכ"ל.

**טו.** עי' שיחות הר"ן רמ"ד: שָׁמַעְתִּי מֵאֶחָד מֵחֲשׁוּבֵי אֲנָשִׁים אִישׁ כָּשֵׁר וִירֵא שָׁמַיִם וְעוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בֶּאֱמֶת, שֶׁאָמַר לוֹ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, **שֶׁיֵּשׁ בְּנֵי אָדָם עוֹבְדֵי ה' שֶׁאֵין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַרְאֶה לָהֶם מַה שֶּׁפָּעֲלוּ כָּל יְמֵי חַיֵּיהֶם. רַק אַחַר מוֹתָם בָּעוֹלָם הַבָּא, אָז יִרְאוּ מַה שֶּׁפָּעֲלוּ!** וְהֵבַנְתִּי שֶׁרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אָמַר לוֹ דָּבָר זֶה לְעִנְיַן הִתְחַזְּקוּת לְבַל יִפֹּל בְּדַעְתּוֹ מַה שֶּׁכְּבָר עָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וַעֲדַיִן אֵינוֹ רוֹאֶה בְּעַצְמוֹ שׁוּם פְּעֻלָּה. **כִּי יֵשׁ שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לִרְאוֹת כָּל יְמֵי חַיָּיו מַה שֶּׁפָּעַל כִּי־אִם לְאַחַר כָּךְ!**, כנ"ל.

# 'אריכת אפים' ביים דאווענען

דער רבי רופט דאס אלץ אן 'אריכות אפים'. אזוי הייסט אריכת אפים - אז איך ווער נישט אין כעס! איך האב סבלנות ביים דאווענען - דארטן אין (ליקו"מ) תורה קנ"ה[טז] - די וועלט ווייסט פון אזא אריכת אפים? אז איך קען נישט דאווענען דארף איך האב אריכת אפים?!

(אבל באמת) דאס הייסט אויך אריכת אפים! איך קען נישט דאווענען - און איך וויל, און איך וויל און איך וויל, איך האב אריכת אפים, דאס איז אריכת אפים. אזוי איז אויף יעדער זאך, דער בעל דבר מיינט נאר - (כוונתו הוא) אז ער וועט אויפהערן צו וועלן, דאס איז אינגאנצן זיין (כוונה), אבער וויבאלד אז מען הערט נישט אויף צו וועלן – (אזי בוודאי סוכ"ם יעזרו השי"ת)

(מפסיק וקורא מבפנים בלקוטי מוהר"ן תורה קנ"ה)

**"דאס הייסט ארך אפיים" - זאגט דער רבי – "ער האט נישט קיין מורא פאר קיין שום זאך און ער קוקט נישט אויף קיין שום ביטול, קיין 'שום בילבול בעבודתו', ער טוט זיך זיינס" - דאס רופט דער רבי ארך אפיים.**

**"קיין שום זאך קען אים נישט מבלבל זיין, אים ארט נישט קיין שום זאך, כאטש ער וויל דאך דאווענען און קען נישט, אבער ער טוט זיך זיינס! ער טוט זיך זיינס בעבודתו את השי"ת"**

---

**טז.** וז"ל שם: וְזֶה בְּחִינַת אֶרֶךְ אַפַּיִם, הַיְנוּ מַה שֶּׁאֵינוֹ יָרֵא מִשּׁוּם דָּבָר, וְאֵינוֹ מַשְׁגִּיחַ עַל שׁוּם בִּטּוּל וּבִלְבּוּל בַּעֲבוֹדָתוֹ, רַק עוֹשֶׂה אֶת שֶׁלּוֹ, זֶה בְּחִינַת אֶרֶךְ אַפַּיִם. שֶׁאֵין שׁוּם דָּבָר יָכוֹל לְבַלְבֵּל אוֹתוֹ, כִּי לֹא אִכְפַּת לֵהּ שׁוּם דָּבָר, רַק עוֹשֶׂה אֶת שֶׁלּוֹ בַּעֲבוֹדָתוֹ אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ... הַיְנוּ שֶׁזּוֹכֶה עַל־יְדֵי אֱמוּנָה לַאֲרִיכַת אַפַּיִם, שֶׁיַּאֲרִיךְ אַפּוֹ עַל כָּל דְּבַר בִּלְבּוּל וּמְנִיעָה שֶׁעוֹבֵר עָלָיו '**בִּתְפִלָּתוֹ**' 'וַעֲבוֹדָתוֹ', שֶׁיִּסְבֹּל הַכֹּל, וְלֹא יִתְעַצֵּב וְלֹא יִתְעַצֵּל עַל־יְדֵי־זֶה כְּלָל.

- אזא מין סארט אריכת אפים רעדט דער רבי דא, דאס הייסט אריכת אפיים!

❖

# וועלן און וועלן און נישט אויפהערן צו וועלן

מיר רעדן דא פון 'וועלן' - איך וויל א זאך; איך וויל - און איך האב עס נישט, דארף איך נישט אויפהערן צו וועלן! איך וויל אנהויבן דאווענען, איך וויל דאווענען און עס גייט נישט, איך דארף ווייטער וועלן דאווענען, אזוי ביי שמונה עשרה, אזוי ביי יעדער ברכה, איך וויל! איך וויל!

א יעדער זאך; א מענטש, עס איז אים שווער דארטן די זאך - ער וויל פארט, ער וויל פארט, ער וויל - אז מען איז פאר'עקשנ'ט מיט דעם רצון, איז עס א געוואלדיגער ארך אפים, דאס הייסט ער האט אריכת אפים, ער איז א סבלן, סבלנות און אריכת אפים, א נייע סארט אריכת אפים רעדט דער רבי דא.

די וועלט רעדט נישט פון אזא מין סארט אריכת אפים - אז ער ווערט נישט אין כעס איז אריכת אפים. אבער דער רבי רעדט אן אנדערער אריכת אפים; ער האט אריכת אפיים מיט'ן דאווענען, ער טוט זיך זיינס, קיין שום בלבול ארט אים נישט. אים ארט נישט קיין שום זאך וואס זאל אים מאכן אפלאזן פון זיינע זאכן (-אין עבודת השם)[יז].

---

**יז.** עי' באריכות מענין זה - ע"פ תורה זו, בליקו"ה תפילין ה"ה מאות ו' עד אות ט' - ותמצא שם מרגוע לנפשך.

מען גיט אים קלעפ - מען קען אים געבן גוטע קלעפ פאר'ן ווען - אויך אמאל. דער יצר הרע האט א כח, ער קען געבן קלעפ אויך, דער יצר הרע קען מאכן א מענטש קראנק אויך, א געוואלדיגער כח גיט מען אים מלמעלה, מען גיט אים כוחות, נאר וואס דען? מען דארף גלייבן אז מען גיט אים כוחות, אבער אין די קדושה בלייבט דאך איבער כח.

❖

## צוקומען צו מדריגת רבי עקיבא

בשעת ר' נתן איז געווארן מקורב האט ער געזעהן ביים רבי'ן דעם שבחי האר"י, האט ער געבעטן דעם רבי'ן, דער רבי זאל אים עס בארגן. דער רבי האט אים עס געבארגט, האט ער דאס איבערגעקוקט. ווען ר' נתן האט עס געבראכט צוריק, האט אים דער רבי געפרעגט: "וואס האסטו דארטן עפעס געזעהן?" (ענה) ער האט געזעהן דארטן, בשעת דער ר' חיים וויטאל איז געווארן מקורב צום אר"י האט ער אים זייער געלויבט און ער איז געווען ביי זיך א צובראכענער איד - ר' חיים, און דער אר"י האט אים זייער געלויבט מיט עפעס א מאור הקטן, דער מאור הגדול, געוואלדיגע שבחים, און ער - וואס? וואס? ער איז געווען ביי זיך (זייער שפל) האט דער אר"י הקדוש געזאגט: "אז בעיקבתא דמשיחא קען מען מיט מיעוט פעולה קומען צו מדריגת רבי עקיבא"[יח].

---

**יח.** באבניה ברזל, אות ט"ז: פַּעַם אַחַת בִּתְחִלַּת הַהִתְקָרְבוּת רָאָה מוֹהֲרנַ"ת אֵצֶל רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל סֵפֶר שִׁבְחֵי הָאֲרִ"י זַ"ל, וְשָׁאַל אוֹתוֹ מִמֶּנּוּ. וְאַחַר־כָּךְ כְּשֶׁהֶחֱזִירוֹ שָׁאַל אוֹתוֹ רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל, וָואס הָאסְטוּ דִּיר עֶפִּיס אַרוֹיס גֶענֻעמֶען פוּן דָּארְט (מָה הוֹצֵאתָ לְעַצְמְךָ מַשֶּׁהוּ מִשָּׁם?). עָנָה וְאָמַר מַה שֶּׁכָּתוּב שָׁם שֶׁר' חַיִּים וִיטַאל זְצוּקַ"ל הָיָה עָנָו וְהָיָה בְּעֵינָיו שָׁפָל מְאֹד, וּכְשֶׁנִּכְנַס אֶל הָאֲרִ"י זַ"ל וְנִתְקָרֵב אֵלָיו וְהוּא הִתְחִיל לְשַׁבְּחוֹ וּלְפָאֲרוֹ מְאֹד וְהָיָה אֶצְלוֹ פֶּלֶא גָּדוֹל מַה זֹּאת?! וְאָמַר אֵלָיו הֲלֹא אֲנִי יוֹדֵעַ בְּעַצְמִי אֶת שִׁפְלוּתִי וְכוּ' וּמַעֲלַת כְּבוֹדוֹ מְרוֹמָם וּמְשַׁבֵּחַ אוֹתִי כָּל־כָּךְ. עָנָה הָאֲרִ"י זְצוּקַ"ל וְאָמַר לוֹ, **בְּעִקְבוּתָא דִּמְשִׁיחָא בְּמִעוּט פְּעֻלּוֹת יַגִּיעוּ לְמַדְרֵגַת רַבִּי עֲקִיבָא.** וּמַה שֶּׁתָּפַס לוֹ דַּוְקָא רַבִּי עֲקִיבָא כִּי מְבֹאָר בְּכִתְבֵי הָאֲרִ"י זַ"ל שֶׁרַבִּי חַיִּים וִויטַאל הָיָה לוֹ נִשְׁמַת רַבִּי עֲקִיבָא. עָנָה רַבֵּנוּ זַ"ל וְאָמַר לוֹ **"אָט דָּאס הָאבּ אִיךְ טַאקִי גֶעמֵיינְט"** (הִנֵּה לָזֶה בֶּאֱמֶת הִתְכַּוַּנְתִּי) כִּי זֶה הָעִנְיָן בְּעַצְמוֹ הָיָה גַּם־כֵּן אֵצֶל מוֹהֲרנַ"ת זְצוּקַ"ל שֶׁהָיָה בְּעֵינָיו עָנָו וְשָׁפָל וְסַבְלָן מַמָּשׁ **אַ שְׁטִיקְל בְּלָאטֶע** (חֲתִיכַת בּוֹץ). כַּאֲשֶׁר רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל בְּעַצְמוֹ הֵעִיד עָלָיו, וּכְשֶׁנִּתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל וְהוּא שִׁבְּחוֹ וּפֵאֲרוֹ וְכוּ' וְהָיָה אֶצְלוֹ חִדּוּשׁ וָפֶלֶא, וּמִזֶּה מְתֹרָץ לוֹ כַּנַּ"ל.

**פלעגן אונזערע לייט זאגן: 'מיט מיעוט פעולה, אבער מיט אסאך רצון'! מיט מיעוט פעולה, אבער מיט אסאך רצונות! אין רצון קען מען זיין רייך. אין פעולות קען מען האבן מניעות, אבער מיט רצונות קען מען, דער רצון איז א געוואלדיגער יסוד אין אידישקייט!**[יט]

(ר' משה בינענשטאק: ווען ער האט געליגן דעם ספר, האט אים דער רבי געזאגט ער זאל נישט זיין אזוי ווי די חסידים וואס נעמען און גיבן נישט אפ?) **וואו שטייט עס? איך האב עס נישט געהערט קיינמאל, איך האב תמיד געהערט דערציילן אז ער האט געפרעגט דעם רבי'ן דער רבי זאל אים בארגן** (ר' נחמן בורשטיין: אבער דאס האט איר נישט געהערט?) **ניין.**

❖

# חסיד'ישע שטיק

(רנ"ב: און אז דער רבי האט זיך אויסגענומען מיט ר' יודל ער זאל נישט פראווען קיין חסידי'שע מעשה'ס?) **דאס לייגן זיי אויך צו,** (רק כך אמר לו רבינו:) **"איך האב פיינט די חסידי'שע שטיק!" איז ער געבליבן שטיין, ער וויל דאך ווערן** (מקורב צום רבי'ן)**, ער איז דאך א חסיד.**

**האט אים דער רבי אנגעהויבן צו זאגן, די נקיות פון אינדערפרי וואס די חסידים מאכן**[כ]**, און דער רבי האט אויסגערעכנט: די לולקע**[כא]**, ער האט נישט קיין קויל פייער, מוז ער ארייגיין צו יענעם אין שטוב אריין, נעמען א קויל פייער, און אמאל איז קיינער נישטא נאר זי, איז עס אן איסור יחוד.**

---

**יט.** עי' שיחות הר"ן נ"א, בא"ד: 'העיקר הוא הרצון!' וכו', עיי"ש.

**כ.** עי' שיחות הר"ן ל': **עַל הַמְבַלִּים זְמַן בִּשְׁבִיל נְקִיּוּת וּמַאֲרִיכִין בְּבֵית הַכִּסֵּא הִקְפִּיד מְאֹד מְאֹד!** וְהִתְלוֹצֵץ מֵאוֹתָן הָאֲנָשִׁים מְאֹד וְהֶאֱרִיךְ הַרְבֵּה בְּעִנְיָן זֶה וכו', עיי"ש.

**כא.** עי' חיי מוהר"ן רע"ג ובאות תע"ב, דעתו של רבינו, שלענין נקיות אין זה מועיל כלל.

דער רבי האט נאך זאכן אויסגערעכנט, ער האט אויסגערעכנט אסאך זאכן וואס ווערט אלץ ארום און ארום די נקיות - (וע"ז אמר רביז"ל:) און דאס האב איך פיינט, דאס האב איך פיינט!

(השואל: דאס איז געווען בשעת ער איז מקורב געווארן?) ביים אנהויב התקרבות, (רנ"ב: ער האט באהאלטן די לולקע, האט דער רבי געפרעגט, דו רייכערסט היינט? זאגט ער: ניין. (ושאל אותו שוב רבינו:) דו האסט נישט ביי דיר? נאכער האט דער רבי געזאגט: זוכט ביי אים. האט מען געזוכט און געפונען) איך ווייס נישט פון וואנעט נעמט זיך די שיחה.

איך ווייס, עס איז געווען אמאל, ר' יודל איז געווען ביים רבי'ן, ר' יודל איז געווען זייער א בעל מח, ארומגעגאנגען פאר'מוח'ט שטארק, מיט א דביקות צום אויבערשטן. אין ברסלב איז געווען – איר זענט דאך קיינמאל נישט געווען אין ברסלב - אין ברסלב איז געווען דעם רבי'נס בית המדרש און אין דער זייט איז געווען א חדר, דעם רבי'נס חדר

[(רמ"ב: ביי די שטאטישע בית מדרש?) די שטאט איז געווען ברסלב'ע אידן - דאס איז געווען דעם רבי'נס בית מדרש, נאר נאכדעם ביי ר' נתן האבן אונזערע מענטשן געדאווענט שוין ביי ר' נתן'ען, איז (דעם רבי'נס בית המדרש) געווארן דארטן א שטאטישע זאך. (השואל: ר' נתן האט געבויעט א אנדער קלויז?) יא].

שוין, איז ר' יודל ארומגעגאנגען פאר'מוח'ט מיט א לולקע, און דער רבי האט געגעבן א עפן אויף די טיר, האט ער (ר' יודל) גענומען די לולקע, אריינגעלייגט דא, און צוגעגאנגען צום רבי'ן, ער האט זיך דערשראקן. דעמאלטס האט אים דער רבי געזאגט: "דו ביסט דאך געווען ביי רבי פנחס'ל (קאריצער), דערצייל מיר עפעס א מעשה פון רבי פנחס" האט ער דעם רבי'ן דערציילט א מעשה. [האט אים דער רבי געזאגט: "וואויל - דיינע אויגן וואס האבן געזען רבי פינחס'ל!"]

ר' אברהם (ר' נחמן'ס) האט געזאגט, ער ווייסט די מעשה, נאר ער האט זי נישט דערציילט, ווייס איך נישט פארוואס ער האט נישט דערציילט, מיר ווייסן נישט די מעשה.

(רמ"ב: מען האט אים געבעטן דערציילן האט ער נישט דערציילט?) יא, האט ער נישט דערציילט. אסאך מעשיות וואס מען האט אים געבעטן דערציילן (ולא סיפר אותם). די מעשה דארטן פון 'שהניחה לו אמו צוואה' - פון תורה רנ"ז. (רמ"ב: אבער ער האט נישט דערציילט?) ניין! (רמ"ב: און פון וועמען האט איר עס געהערט?) איך האב עס אויך גארנישט געהערט, נאר דאס האב איך געהערט - אז דאס וואס מען דערציילט איז נישט אמת! (רמ"ב: ווער האט געזאגט אז עס איז נישט אמת? - ווער איז געווען דער וואס האט עס געוואוסט?) דער וואס האט געוואוסט! עפעס איינער וואס האט יא געוואוסט - זיינער א חשוב'ער מענטש - האט ער געזאגט אז דאס איז נישט אמת וואס דא שטייט.

איך האב געבעטן ר' אברהם'ען ווען איך בין געווען נאך פאר דער חתונה. פאר דער חתונה האט ער אסאך זאכן זיך מונע געווען צו רעדן מיט אונז, ווייל ער פלעגט זיך מיט אונז מעסטן דעם רעדן, (והיה אומר:) "איך דערמאן זיך מיט וועמען רעד איך? מיט פארטשאגעס!" 'פארטשאגעס' הייסט דארטן בחורים. מיט וועמען רעד איך? מיט פארטשאגעס! כמה פעמים (האט ער) אפגעשטעלט זיך. קען זיין דערפאר האט ער נישט געוואלט דערציילן, אזוי רעכן איך, ווייל אזוי פלעגט ער יא (דערציילן), אפשר האט ער בכלל נישט געוואלט דערציילן, איך ווייס נישט פארוואס - ער האט נישט געוואלט דערציילן!

און איינער האט געזאגט אז ער ווייס יא, און דאס איז נישט ריכטיג. (ואמרו לו:) דערצייל דו, האט ער אויך נישט געוואלט דערציילן, ער האט עס יא געהערט פון ר' אברהם.

האב איך פארשטאנען אז די מעשה דארף מען בכלל נישט דערציילן, נישט אלעס דארף מען דערציילן, און דאס איז נישט ריכטיג (הסיפור שיש בכתב).

❖

# די יארמולקע פונעם חוזה

ביי אונז האט זיך אריינגעכאפט די זאך וואס מען האט אנגעהויבן פארפוצן א דיבור, מען האט אנגעהויבן פארפוצן א שיחה. מען פארציילט א מעשה פונעם חוזה פון לובלין - מיט'ן קאפל – 'דעם חוזה'ס קאפל':

דער חוזה איז נפטר געווארן, האט מען פארקויפט זיינע מלבושים. א חסיד האט געקויפט דאס קאפל פאר דריי הונדערט רענדלעך. שוין, מיט הונדערט פופציג יאר צוריק - 'דריי הונדערט רענדלעך'! איך ווייס גארנישט וואס דאס הייסט דריי הונדערט רענדלעך (אין היינטיגע געלט). שוין, האט זיך אנגערופן די רעבעצין: 'א איד גיט אזוי פיל געלד פאר א קאפל, לאמיר כאטש געבן א ריין קאפל, עס איז דאך פול מיט שוויים'. האט זי אויסגעוואשן דאס קאפל און געגעבן א ריין קאפל. זאגט ער: "איך קען קויפן א קאפל אין קלייט פאר גארנישט; - פאר דעם רבי'נס שוויים האב איך געגעבן די געלד, איך האב געוואלט דעם רבי'נס שוויים, האסט צוגענומען דעם רבי'נס שוויים דארף איך נישט דאס קאפל!" (דאס האט געזאגט) איינער אן עושר פון די חסידים, 'אז זי האט אראפגענומען די שוויים, דארף איך נישט געבן אזוי פיל געלט'.

עס איז פארהאן אמאל א שיחה - ער וויל פארפוצן די שיחה, ער מיינט ער פארפוצט עס, (אבער) עס איז שוין גארנישט אינגאנצן די שיחה, הכלל, עס איז שוין נישט דער חן. וויל נישט פארפוצן אזוי, כי הוא זה - דאס איז דאס!

פון דעם פארפוצן האט זיך גענומען אסאך זאכן וואס עס איז נישט ריכטיג.

אז מען פארפוצט, מוז מען אביסל צולייגן, אביסל אראפנעמען. כדי עס זאל אויסקומען שענער וויל ער פארפוצן, ער וויל דאך מאכן שענער, עס ווערט (אבער) אן אנדערע שיחה.

❖

# גערעטעוועט א איד פון אן עבירה

ר' מרדכי סאקאלאווער האט דערציילט - פון אים האב איך עס געהערט. ער איז געווען אסאך יארן, ער האט דאך געלערנט אין בארדיטשוב מיט'ן גרויסן גביר דארטן - מיט זיינע קינדער. ער איז געווען א גרויסער למדן - ר' מרדכי. האט ער געלערנט מיט זיינע קינדער, און ווען ר' אברהם ר' נחמנ'ס פלעגט קומען, פלעגט ער אים באגלייטן צו דער באן. אין בארדיטשוב איז דא א לאנגע גאס, וואס מען רופט עס: 'די באן גאס'; איין גאס לויפט אדורך די גאנצע שטאט, א גאס פון הונדערט קילאמעטער, עס איז א גרויסע שטאט, און פון די גאס גייט דורך אסאך גאסן אין די זייטן. גאנץ בארדיטשוב גייט אדורך אין דער גאס.

און ר' אברהם איז געווען א בארדיטשוב'ער, ער האט דארטן געוואוינט אסאך יארן, ער האט דאך חתונה געהאט מיט ר' נפתלי'ס טאכטער, האט ער געקענט גוט בארדיטשוב [איך בין נישט קיין בארדיטשוב'ער, האב איך אויך געוואוסט – 'די באן גאס', עס איז א גלייכע גאס ביז מען קומט אן צו דער באן].

אמאל איז ער געגאנגען מיט ר' אברהם'ען, גיט ער א גיי אריין אין א זייט - ר' אברהם, קוקן זיי, וואס גייט ער אריין עפעס אין א זייט - ער האט פארגעסן די גאס? נו, זיי גייען אים נאך און ער גייט צו.

דארטן איז א חורבה, ער גייט צו צו דער חורבה, איז ארויס פון דארטן איינער, דארטן איז געווען איינער, וועלכער האט געוואלט טאן אן עבירה. יענער איז ארויס געלאפן און אנטלאפן, און ר' אברהם האט זיך אויסגעדרייט אויף צוריק און איז געגאנגען צו דער באן - דאס האט ר' מרדכי דערציילט, וואס ער איז אליין געווען דערביי בשעת מעשה וואס ער האט געזעהן פון ר' אברהם ר' נחמן'ס.

ער האט געוואלט ראטעווען פון אן עבירה, האט ער געגעבן א גיי אריין אין דער געסעלע און ער איז צוגעגאנגען צו דער חורבה, יענער איז אנטלאפן און שוין, איז ער שוין געגאנגען צוריק אויף דער באן גאס. צדיקים האבן אזעלכע געוואלדיגע זאכענישן.

מיר האבן ברוך השם אזעלכע זאכענישן, וואס מיר דארפן גארנישט קלערן - עס איז בוודאי בבירור; לקוטי מוהר"ן איז בבירור, לקוטי הלכות איז בבירור, ספר המידות און די שיחות, חיי מוהר"ן - האבן מיר דאך וואס עס איז בבירור. מיר האבן נאך שיחות, אבער אזעלכע יסודות וואס מיר האבן וואס עס איז בבירור גמור - זוכט מען די שיחות וואס עס איז נאך נישטא?! עס זענען דא שיחות וואס זענען יא בבירור, אבער אסאך איז דא וואס עס איז נישט בבירור! און אסאך איז דא, שיחות, וואס ממש זייווארפן אראפ דעם חן פון אונז, אזעלכע נארישע שיחות, ממש עס נעמט צו דער חן פון אונזער זאך.

מיך האט איינער געפרעגט, איינער וואס איז זייער נאנט צו אונזער זאך: "פארוואס לאזט איר דרוקן אזעלכע נארישע זאכן ביי אייך?!" יענער איז א מאמין אינעם רבי'ן, זאג איך אים: "מען פרעגט נישט!".

ביי אייך פרעגט מען נישט?! וואס יעדער וויל טוט ער?!

❖

# נישט מאכן קיין 'עגל' נאך קבלת התורה!

עס איז געווען דער גרויסער שבועות פון ר' נתן'ען, מען האט עס גערופן 'דעם גרויסן שבועות'![כב] עס איז געווען אזא מין התעוררות דעמאלטס געוואלדיג. דעמאלטס איז ר' שמעון'לע[כג] געקומען צו פארן פון ארץ ישראל, האט רבי נתן זיך געזעגנט מיט'ן עולם, האט ער זיי געזאגט: "ברוך השם, מיר האבן מקבל געווען די תורה – מיר זאלן זיך היטן נישט צו מאכן קיין עגל!" נאך שבועות איז געווען אן עגל!

נאך שבועות דארף מען וויסן - דארף מען זיך היטן, עס איז געווען אן עגל, פערציג טעג נאך שבועות איז געווען אן עגל.

זעהען מיר דעם אמת פון רבי נתן'ען, אזא מין גרויסער שבועות, אזא מין התעוררות, מען גייט אהיים, זאל מען זיך היטן...

דעמאלט האט ר' נתן געזאגט די תורה פון 'תקעו תוכחה'[כד]. די תורה האבן כמעט אונזערע לייט - אפילו די וואס האבן געקענט דעם רבי'ן - אבער כמעט וואס מען האט נישט געהערט דעם רבי'ן. עס איז געווען פאר די הסתלקות,[כה] עס איז געווען זייער שטיל, רבי נתן האט געזעהן נאר אז די אויערן זאלן ליגן ביים רבי'ן, מען האט אים געטרעטן מיט די פיס (כי היה שם דוחק רב), ער האט גארנישט געקוקט אויפ'ן גוף, אבער אנדערע האבן נאך נישט געהערט. רבי נתן האט געזאגט די תורה - האט ער געזאגט די תורה פון 'תקעו תוכחה' און א הלכה (דערויף), דעם שבועות האט ער געזאגט די תורה.

---

כב. "דער גרויסער שבועות" - 'שבועות הגדול' הידוע והמפורסם, נקרא כן כי התקבצו אז אצל מוהרנ"ת כשמונים איש עובדי ה' גדולים מאנשי שלומינו, חוץ ממה שנתקבצו אליו מאנשי העיר, והיתה אז התעוררות נפלאה ביותר. וכמה סיפורים ועובדות מאלפים נשמרו מאותו חג השבועות הגדול. (עפ"י שיח שרפי קודש).

כג. תלמיד ומשמש רבינו

כד. ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ח'

כה. עי' באריכות בימי מוהרנ"ת נ"ב, ובחיי מוהר"ן רי"ט, השתלשלות הענינים בעת אמירת תורה זו

אין דער תורה רעדט דער רבי פון 'יום השישי' (שכל העולם היה תלוי עד ששה בסיון שקיבלו ישראל את התורה - עיי"ש אות ח'); דער רבי רעדט פון עשרת הדברות (עיי"ש באות ז'), האט ר' נתן געזאגט: **"דער רבי האט אונז אפגעגעבן פאר שבועות!"**[כו]

– (ווייל) דעם (לעצטן) שבועות האט דער רבי נישט געזאגט קיין תורה, אין אומאן איז דאך עס געווען, דעמאלט האט דער רבי א זאג געגעבן שבת נחמו: **"פארוואס פארט איר צו מיר? ווען איך זאג תורה'** -[כז], האט דעם שבועות אין אומאן דער רבי נישט געזאגט קיין תורה, האט ר' נתן געזאגט: 'דער רבי האט אונז אפגעגעבן פאר שבועות'.

רעדט דער רבי אין דער תורה 'תקעו תוכחה' פון עשרת הדברות; רעדט דער רבי - פון יום השישי;- דער רבי רעדט (דארט) אסאך פון 'תורה' - האט ער אונז אפגעגעבן פאר שבועות!

איז געווען דער גרויסער שבועות, וואס דאן האט ר' נתן זיי געזאגט: מען זאל זיך היטן נישט מאכן קיין עגל!

אונזערע לייט זענען געווען נתפעל פון דעם אמת פון ר' נתן'ען, דאס איז אלץ גרוים און פיין, מען כאפט מלאכים, (אבער אז) מען קומט אהיים, דארף מען זיך זייער היטן און וויסן, אז דער עיקר איז - וואס מען הערט דא זאל מען מיטנעמען מיט זיך; וואס הייסט אן עגל? ביי אונז איז שייך אן עגל? עס זענען (אבער) דא אזעלכע זאכן וואס הייסט אן עגל.

זיי זאגן, אז דער רוקח ברענגט[כח]: אז מען האט א מחשבה זרה אינמיטן שמונה עשרה, איז עס א צלם אין היכל! מען האט מיר אזוי געזאגט - אז דער רוקח ברענגט דאס. נו,

---

**כו.** עיין בפרפראות לחכמה על התורה

**כז.** עי' תוכן הסיפור בספר ימי מוהרנ"ת נ"א, ובשיחות הר"ן קנ"ג

**כח.** עי' ספר תולדות אהרן (ליקוטים חדשים) וז"ל: שמעתי ממורי הרה"ח המפורסם מו"ה **לוי יצחק** זצוק"ל אבד"ק **בארדיטשוב** נבג"מ שאמר: שאסור לאדם לחשוב מחשבות רעות ח"ו ומחשבות חוץ ח"ו כי המוח של אדם הוא קודש הקדשים ושם הארון

עס איז א געוואלדיגער לשון. ביי אונז (אנשים פשוטים) קען מען דעם לשון נישט זאגן, (מיר דארפן נאר וויסן) אז עס איז דא א צלם אין היכל, זאל מען ארויס נעמען דעם צלם. ווען מנשה זאל ווען ארויסנעמען דעם צלם, וואלט ער ווען געטאן תשובה, ער האט דעם צלם נישט געוואלט ארויסנעמען.

(ר' נתן אנשין: דער רבי זאגט אז די מחשבות זרות איז מען גאר מתקן![כט]) יא, אז מען וויל נישט (הנ"ל: אז מען טרייבט זיי אוועק, דאס איז דער תיקון זייערער) אז ער האלט מלחמה, חיות טהורות, חיות טמאות[ל], אוודאי, אז מען לאזט נישט אריין דעם צלם, למשל, איינער האט געוואלט אריינשטעלן א צלם בהיכל און דער אנדערער האט נישט געלאזט, איז א גוטע זאך. אבער אז מען לאזט אים רוהען?!

א צלם האט ער געמאכט, מנשה, אין אלע פיר זייטן, וואו מען קוקט נאר - זעהן דעם צלם. איז די שכינה אוועק (פון ביהמ"ק).

'והמסכה צרה כהתכנס' - זאגט די גמרא, רבי יונתן איז געקומען דערצו, זאגט די גמרא, האט ער געוויינט: "מי שכתוב בו: 'כונס כנד מי הים' [- תעשה לו מסכה צרה], זאל שטיין ביי אים: והמסכה צרה כהתכנס?!' אזוי איז געווען[לא].

❖

---

והלוחות והרי הוא מעמיד צלם בהיכל, רק צריך תמיד לחשוב יראת ה' וגדולתו ית' ותורה הקדושה וכו' עכ"ל. עי' גם 'פלא יועץ' ערך 'בר לבב'.

**כט.** עי' ליקו"מ סי' ל' אות ז', בענין מה שהמחשבות זרות באים דייקא בשעת התפילה כדי להתתקן. גם עי' בשי' הר"ן ע"ב, מה שאמר רביז"ל: "שֶׁזֶּה טוֹבָה גְּדוֹלָה מַה שֶּׁבָּאִים עָלָיו מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת וּפְנִיּוֹת כִּי בְּלֹא זֶה אִם הָיָה הָאָדָם מִתְפַּלֵּל הַתְּפִלָּה כָּרָאוּי לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לִסְבֹּל כְּלָל אֶת גֹּדֶל עֹצֶם הַקִּטְרוּגִים שֶׁיֵּשׁ עַל הַתְּפִלָּה שֶׁהִיא כָּרָאוּי. אֲבָל עַל יְדֵי שֶׁהַתְּפִלָּה מְלֻבֶּשֶׁת בְּמַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת עַל יְדֵי זֶה אֵין הַחִיצוֹנִים מִסְתַּכְּלִין עָלֶיהָ כָּל כָּךְ וְאֵין הַקִּטְרוּג גָּדוֹל כָּל כָּךְ וְעַל יְדֵי זֶה יָכוֹל הַתְּפִלָּה לַעֲלוֹת".

**ל.** וז"ל רביז"ל בליקו"מ סי' רל"ג: כְּשֶׁמִּתְגַּבְּרִים עַל הָאָדָם מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת וְהִרְהוּרִים, וְהוּא מִתְחַזֵּק וּמִתְגַּבֵּר עֲלֵיהֶם וּמְנַצֵּחַ אוֹתָם, יֵשׁ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא תַּעֲנוּג גָּדוֹל מִזֶּה. וְהוּא יָקָר מְאֹד בְּעֵינֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ! כְּמָשָׁל שֶׁיֵּשׁ אֵצֶל הַמְּלָכִים לִפְעָמִים בְּיוֹמָא דְּפַגְרָא, הֵם מַנִּיחִין כַּמָּה חַיּוֹת שֶׁיְּנַצְּחוּ זֶה עִם זֶה, וְהֵם עוֹמְדִים וּמִסְתַּכְּלִים וְיֵשׁ לָהֶם תַּעֲנוּג גָּדוֹל מִן הַנִּצָּחוֹן, כְּמוֹ כֵן הַמַּחֲשָׁבוֹת הֵם בָּאִים מִבְּחִינַת הַחַיּוֹת, וּמַחֲשָׁבוֹת קְדוֹשׁוֹת הֵם בְּחִינַת חַיּוֹת טְהוֹרוֹת, וּמַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת הֵם בְּחִינַת חַיּוֹת טְמֵאוֹת, וּמַנִּיחִים בְּכַוָּנָה מִלְמַעְלָה שֶׁיְּנַצְּחוּ זֶה עִם זֶה, וְיֵשׁ לְהַקָּדוֹשׁ־ בָּרוּךְ־הוּא תַּעֲנוּג גָּדוֹל כְּשֶׁהָאָדָם מִתְגַּבֵּר עַל הַחַיּוֹת טְמֵאוֹת וּמְנַצֵּחַ אוֹתָם

**לא.** עי' גמ' סנהדרין קג:

# לבלתי תחטאו - זו הבושה

דער עיקר, זאגט דער רבי אין תורה ל"ח[לב], אז א מענטש קומט אים אן - דארף ער האבן כאטש בושה: 'געוואלד, געוואלד, געוואלד, פארוואס קומט מיר אן אזעלכע געדאנקען?!' דער עיקר תשובה איז די בושה, דער עיקר תשובה איז בושה![לג]

'ובעבור תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו'[לד] זאגט די גמרא[לה]: דאס מיינט מען; 'די בושה', דער עיקר איז די בושה, איך זאל זיך שעמען – 'פארוואס קומט מיר אן אזעלכע געדאנקען?! פארוואס? פארוואס?'!

(השואל: פארוואס האט מען עס גערופן 'דער גרויסער שבועות'?)

דעמאלט איז געווען דער גרויסער שבועות, ס'איז געווען מער מענטשן, דעמאלטס האט געזאגט ר' שמעון'לע צו 'ר' איצעלע דעם מגיד'ס' - דעם מגיד'ס איידעם: "איך בין א מבין אויף א גוטן אידן, א סימן (והא ראיה) - איך האב אוועקגעלאזט אלע רבי'ס – איך האב זיך מקרב געווען צו אן אינגל' [ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן נאך פאר דער חופה, דאס הייסט א אינגל[לו]] זאג איך דיר, אז היינט איז רבי נתן דער מנהיג הדור!"

אזא מין התפעלות איז געווען פון דעם שבועות.

---

**לב.** שם אות ה': וּכְשֶׁמְּדַבֵּר בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ דִּבְרֵי אֱמֶת שֶׁבְּלִבּוֹ, בְּהִתְעוֹרְרוּת בִּתְשׁוּבָה, וְרוֹאֶה פְּחִיתוּתָיו וּגְדֻלַּת הַבּוֹרֵא. כִּי עַד עַכְשָׁו הִשְׁלִיךְ חַטֹּאתָיו אַחַר כְּתֵפָיו וְלֹא עִיֵּן בָּהֶם, וְעַכְשָׁו כְּשֶׁיּוֹדֵעַ אוֹתָם, אֲזַי נִכְנָס בּוֹ בּוּשָׁה גְּדוֹלָה עַל גֹּדֶל פְּשָׁעָיו.

**לג.** עי' ליקו"מ תניינא סי' ע"ב

**לד.** שמות כ' י"ז

**לה.** נדרים כ.

**לו.** עי' חיי מוהר"ן ק"ו

ר' נתן האט געזאגט די תורה און די הלכות, פארשטייט מען, אזא תורה, אפצוזאגן אזא תורה און נאך הלכות אויך, שעה'ן, שעה'ן.

❖

## איבערגעציילט די לעפל

(רנ"ב: ר' דוד הערש דאשיוווסקעלז האט איר שוין נישט פארכאפט?) **ניין, איין יאר** (אחר הסתלקותו)**, ווען איך בין געקומען האט מען נאך געזאגט קדיש נאך אים**[לח]**.**

(רמ"ב: ר' דוד צבי דאשיוווסקע!) **דאשיוווסקע, ר' יודל'ס ברודער.**

(רנ"ב: ער פלעגט נאכזאגן א 'הלכה' וואס ער האט געהערט פון ר' נתן'ען![לט]) **יא יא, ער פלעגט זאגן א הלכה וואס ער האט געהערט פון ר' נתנ'ען!**

(רמ"ב: איז ער געווען אסאך עלטער פון ר' אברהם ר' נחמן'ס!) **אוודאי, ער איז אלט געווען פיר און אכציג יאר, ער איז נפטר געווארן** (תר)**ע"ג, איז ער געבוירן געווארן נאך** (תק)**פ"ט**[מ]**,**

(אחד הנוכחים: ער האט דעמאלטס געזאגט - ר' שמעון אויף ר' נתן: 'איך האב געמיינט אז ער איז א תלמיד, יעצט זעה איך אז ער איז דער רבי אליין!) **דאס איז אן אנדערער דיבור,** (הנ"ל: עס איז אויך געווען דעמאלטס? (- בעת אותה השבועות הגדול)) **יא!**

(רנ"ב: האט ער דערציילט ר' דוד צבי, אז ער איז געווען בַּעַלָן, דאס הייסט א נאכקוקער איבערצוציילן די לעפל, מען האט געוואלט וויסן וויפיל מענטשן זענען געווען ביי דעם גרויסן שבועות, האט ער איבערגעציילט די לעפל, איז געווען אכציג לעפל).

---

**לז.** ר' דוד צבי ורבי יודל בני ר' יונה בן הרב ישעי' שלום בן רבי יודל תלמיד רבינו ז"ל. ר' יונה היה אח של 'ר' זלמן דער רב'. ור' יחיאל מענדל שחיבר 'השיר ידידות'. ר' יודל הנ"ל היה הגבאי והשמש בקלויז באומאן (שיש"ק)

**לח.** עי' שיש"ק ח"ד אות תר"ד, שנפטר ביום י"ט תשרי. לפי זה צריך לומר שנפטר בשנת תרע"ד

**לט.** היה אומר בעל פה חידושי תורה שזכה עוד לשמוע בעצמו בצעירותו מפה קדשו של מוהרנ"ת זצוק"ל (שיש"ק)

**מ.** נמצא שבהסתלקות מוהרנ"ת הוא היה בגיל שש עשרה

דאס האב איך געהערט - אז פון וואנעט האט מען געוואוסט? (וויבאלד) מען האט איבערגעציילט די לעפל האט מען געזעהן אז עס זענען דא אכציג מענטשן, אבער ווער עס איז געווען דער ציילער, וויים איך נישט.

(רנ"ב: אזוי האט מיר דערציילט איינער וואס האט עס געהערט פון אים אליין!) אזוי? ער האט אים נאך געקענט – ר' אברהם (שטערנהארץ); איך בין געקומען איין יאר נאך ר' דוד צבי'ס הסתלקות.

מען קען פארשטיין וואספארא התעוררות דעמאלט איז געווען אין דעם שבועות, פונדעסטוועגן האט ר' נתן אזוי געזאגט: "מען פארט אהיים, זאל מען זיך היטן מען זאל נישט מאכן קיין עגל!"

עס שטייט דאך: 'ויירא יעקב מאד'[מא], פארוואס האט ער מורא געהאט? דער אויבערשטער האט דאך מבטיח געווען!? נאר (זאגט רש"י:) "שמא יגרום החטא". צדיקים האבן תמיד מורא, זיי האבן הבטחות, זיי האבן מורא, 'שמא', 'שמא'. פון איין זייט דארף מען פרייליך זיין תמיד – און 'אשרי אדם מפחד תמיד!'[מב]

❖

# לפתח חטאת רובץ

נאר די יראה דארף זיין, יראה מתוך שמחה! אבער מען דארף תמיד האבן א זכרון, געדענקען!

---

מא. בראשית לב, ח

מב. משלי כח, יד

וויסן אז ער ליגט נעבן מיר - 'לפתח חטאת רובץ', ער איז רובץ, ער ליגט ביי די טיר, ער ווערט נישט נתפעל אז...

ער קען ליגן מערער אויך, ער קען ליגן ביי (אסאך) 'טירן', ער ליגט נישט נאר ביי איין טיר, ער ליגט אומעטום, און מען זאל וויסן אז ער ליגט, ער ליגט ביי די טיר. וואס איז די עצה דערצו? האלטן דעם זכרון! דער רבי זאגט, מען דארף זייער היטן דעם זכרון[מג], און טוהן דעם רבי'נס עצות, דעם רבי'נס זאך[מד].

❖

## זיך מתחבר זיין מיט חברים

עס איז א גרויסע זאך - מען קומט זיך צונויף דא דאנערשטאג איז א גרויסע זאך, מען זאל האבן חברים אינמיטן דער וואך אויך, מען רעדט פון רבי'ן, האבן א התחברות מיט חברים! מחזק זיין איינער דעם אנדערן, דאס איז א יסוד אין התקרבות צום רבין[מה].

ר' נתן האט געהאט אזעלכע חברים - ר' נתן פלעגט גיין צו זיי, אזעלכע, זיי זענען געווען אזעלכע עובדי השם אז זיי האבן נישט געהאט קיין צייט צו גיין צו ר' נתן'ען, איז ר' נתן געגאנגען צו זיי. אזא ביטול.

---

**מג.** עי' ליקו"מ נ"ד, אות א': **צְרִיכִין לִשְׁמֹר מְאֹד אֶת הַזִּכָּרוֹן**, שֶׁלֹּא יִפֹּל לְשִׁכְחָה, בְּחִינַת מִיתַת הַלֵּב. וְעִקַּר הַזִּכָּרוֹן הוּא לִזְכֹּר תָּמִיד בְּעָלְמָא דְּאָתֵי, שֶׁלֹּא יִהְיֶה בְּדַעְתּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁאֵין עוֹלָם אֶלָּא אֶחָד...

מד עי' בביאור הליקוטים – דברי פתיחה: "ולפי כל זה תבין ותתבונן ברוב **ועוצם חיוב והכרח הלימוד, בתורה שבנסתר שזכינו על ידי רבינו ז"ל. כי הן המה התבלין המוכרחים להיצר הרע שבעת הזאת**, שעל זה אמרו חז"ל בראתי יצר הרע בראתי תורה תבלין (מסכת קידושין דף ל' ע"ב).

**מה.** עי' חיי מוהר"ן רי"ח: בְּאוּמֶין קֹדֶם רֹאשׁ־הַשָּׁנָה הָאַחֲרוֹן וכו' סִפְּרוּ אֲנָשָׁיו עִמּוֹ וְהָיוּ מִתְאַנְּחִים מְאֹד כִּי מַה נַּעֲשֶׂה וְעַל מִי יַעֲזֹב אוֹתָנוּ. וְהֵשִׁיב: **רַק אַתֶּם תַּחֲזִיקוּ עַצְמְכֶם בְּיַחַד, אָז תִּהְיוּ אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים! וְלֹא כְּשֵׁרִים בִּלְבַד אֶלָּא אֲפִלּוּ צַדִּיקִים וְטוֹבִים תִּהְיוּ.** כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יַעֲזֹר לִי בְּוַדַּאי שֶׁיִּהְיֶה כִּרְצוֹנִי כַּאֲשֶׁר רָצִיתִי מִכְּבָר, כִּי בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם גָּמַרְתִּי וְאֶגְמֹר כִּרְצוֹנִי בְּוַדַּאי "בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ אוֹיס גִיפִירְט אִין וֶועל אוֹיס פִירְן". וְאָמַר: **שֶׁכָּל מִי שֶׁיִּיגַע וְיִתְחַבֵּר לְאֶחָד מֵאַנְשֵׁי־שְׁלוֹמֵנוּ בְּוַדַּאי יִהְיֶה אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת, וְלֹא אִישׁ כָּשֵׁר בִּלְבַד אֶלָּא אֲפִלּוּ צַדִּיק גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁאֲנִי רוֹצֶה!**

ר' נחמן ר' יודל'ס, ער האט נאך געהאט חברים, אזעלכע עובדי השם געווען, ר' נתן איז געגאנגען צו זיי.

דער ענין פון חברים - איך האב געזעהן ביים שווער (ר' אהרן קיבליטשער), אז דער שווער איז געווען אין קיבליטש, און ר' חיים[מו] איז געווען אין קיבליטש, אמאל איז געקומען ר' חיים צום שווער, און אמאל (פארקערט) (השואל: אלע טאג?) ווען זיי זענען געווען ביידע צוזאמען, אמאל איז ער געגאנגען צו אים און אמאל איז ער געגאנגען צו אים - רעדן פון רבי'ן! איי זיץ ביי זיך און דין דעם אויבערשטן!? ניין, חברים! געגאנגען איינער צום אנדערן.

דאס איז א גרויסער יסוד פונעם רבי'נס זאך - דער ענין פון חברים, נישט אראפווארפן איינער דעם צווייטן, נאר זיך מחזק זיין אין די עצות פונעם רבי'ן, עס איז א געוואלדיגער יסוד אויף צו האלטן זיך! צו מקיים זיין די עצות, חברים! מען פלעגט מאכן נסיעות, אונזערע לייט פלעגן מאכן נסיעות אויף צו רעדן מיט א חבר, אז עס איז געווען איינער אין א שטעטל האט מען געמאכט א נסיעה אויף צו רעדן מיט א חבר[מז].

❖

**מו.** ה"ה הרה"ח ר' חיים קיבליטשער זי"ע.

**מז.** עי' ליקו"ה גילוח ה"ד, אות ט': **כְּלַל הַדָּבָר, שֶׁעִקַּר כָּל הַגָּלֻיּוֹת וְהַצָּרוֹת, רַחֲמָנָא לִצְלַן, בְּגוּף וָנֶפֶשׁ, הַכֹּל מֵחֶסְרוֹן הַדַּעַת שֶׁהוּא עַל-יְדֵי שֶׁלֹּא קִדֵּשׁ שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת** הַנַּ"ל כָּרָאוּי וְגַם לֹא צָעַק כָּרָאוּי לַה' יִתְבָּרַךְ, שֶׁעַל-יְדֵי-זֶה נִתְעַלְּמִין הַמֹּחִין וְהַדַּעַת וּמִשָּׁם כָּל הַהִתְרַחֲקוּת מֵה' יִתְבָּרַךְ וּמִצַּדִּיקֵי אֱמֶת, שֶׁזֶּה עִקַּר כְּלַל כָּל הַגָּלֻיּוֹת וְהַצָּרוֹת, רַחֲמָנָא לִצְלַן, שֶׁעִקָּרָם עַל-יְדֵי חֶסְרוֹן הַדַּעַת וְכַנַּ"ל. וּבָזֶה תָּלוּי כָּל בְּחִירַת הָאָדָם, כִּי עִקַּר הַבְּחִירָה שֶׁל כָּל אֶחָד הוּא עַל-יְדֵי שֶׁאֵין מֵבִין מִיָּד לְתָרֵץ כָּל הַקֻּשְׁיוֹת וְהַמְּבוּכוֹת וְעַקְמוּמִיּוּת שֶׁבַּלֵּב, שֶׁיֵּשׁ לוֹ עַל צַדִּיקֵי אֱמֶת וְתַלְמִידָיו, כִּי אִם הָיָה מֵבִין וְרוֹאֶה בְּדַעְתּוֹ מִיָּד עֹצֶם הָאֱמֶת וְגֹדֶל מַעֲלָתָם וְצִדְקָתָם וְאֵיךְ הוּא יָכוֹל לִזְכּוֹת לְכָל טוּב אֲמִתִּי וְנִצְחִי עַל יָדָם, בְּוַדַּאי **הָיָה הוֹלֵךְ וְרָץ 'עַל יָדָיו וְעַל רַגְלָיו' לְהִתְקָרֵב אֲלֵיהֶם וּלְהִתְאַבֵּק בַּעֲפַר רַגְלֵיהֶם!!!**

# א חבר - אלע טאג!

און די כוונה זאל זיין, ווייל איך וויל דעם חבר, ווייל איך וויל מקבל זיין פון אים, נישט איך וויל אים געבן. 'וקרא זה אל זה' מאכט דער תרגום[מח]: "ומקבלין דין מן דין". 'ומקבלין' - מקבל זיין; אז איך וויל זיין א נותן טויג נישט! איך וויל זיין א מקבל, איך וויל לערנען ביי יענעם א נקודה וואס איך האב נישט, דאס דארף איך ווערן.

אמאל קען מען מקבל זיין פון א דיבור, יענער רעדט א דיבור, יענער מאכט אמאל א תנועה, קען איך שוין פון אים מקבל זיין א נקודה, נתפעל ווערן און מקבל זיין פון אים. וויבאלד אז מען קומט זיך צונויף צוליב דער זאך, אז מען וויל מקבל זיין, איז מען מקבל! איז מען מקבל איינער פונעם צווייטן!

דער רבי זאגט דאך אזוי, עס איז דא אין יעדן איינעם א נקודה וואס עס איז א בחינת צדיק[מט], און דארטן איז "שורה אהבה דקדושה", אזוי זאגט דער רבי אין תורה ל"ד[נ]. אין יענעם איז דא א נקודה, 'בחינת צדיק', וואס דארטן איז שורה אהבה דקדושה!

עפעס א געוואלד - א לשון!

---

**מח.** ישעי' ו, ג

**מט.** עי' ליקו"מ סי' ל"ד, אות ד': **וְכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, יֵשׁ בּוֹ בְּחִינַת "צַדִּיק מוֹשֵׁל"** שֶׁהוּא בְּחִינַת מְלֹא פוּם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָה ס'): "וְעַמֵּךְ (יִשְׂרָאֵל) כֻּלָּם צַדִּיקִים" וכו'... **כִּי יֵשׁ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, דָּבָר יָקָר שֶׁהוּא בְּחִינַת נְקֻדָּה, מַה שֶּׁאֵין בַּחֲבֵרוֹ** וְכוּ'... וּבְחִינָה הַזֹּאת שֶׁיֵּשׁ בּוֹ יוֹתֵר מֵחֲבֵרוֹ, הוּא מַשְׁפִּיעַ וּמֵאִיר וּמְעוֹרֵר לֵב חֲבֵרוֹ, וַחֲבֵרוֹ צָרִיךְ לְקַבֵּל הִתְעוֹרְרוּת וּבְחִינָה הַזֹּאת מִמֶּנּוּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: **וּמְקַבְּלִין דֵּין מִן דֵּין.**

**נ.** הנה לפניך לשונו המלא, שם אות ח': נִמְצָא שֶׁצָּרִיךְ כָּל אֶחָד לְדַבֵּר בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, כְּדֵי שֶׁיָּאִיר בְּחִינַת נְקֻדָּה, בְּחִינַת: "פִּי יְדַבֵּר חָכְמוֹת", לְהַוָּאו, שֶׁהוּא בְּחִינַת: "וְהָגוּת לִבִּי תְבוּנוֹת". וְעַל־יְדֵי־זֶה נִתְבַּטֵּל עָרְלַת לִבּוֹ, הַיְנוּ חֲרָפוֹת, הַיְנוּ אֲהָבוֹת רָעוֹת: **וְגַם צָרִיךְ כָּל אָדָם לְדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ בְּיִרְאַת שָׁמַיִם, כְּדֵי לְקַבֵּל הִתְעוֹרְרוּת בְּלִבּוֹ מֵהַנְּקֻדָּה שֶׁיֵּשׁ בַּחֲבֵרוֹ יוֹתֵר מִמֶּנּוּ**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: **"וּמְקַבְּלִין דֵּין מִן דֵּין"**. כִּי בְּזֶה הַבְּחִינָה שֶׁיֵּשׁ בַּחֲבֵרוֹ יוֹתֵר מִמֶּנּוּ, זֹאת הַבְּחִינָה הוּא בְּחִינַת נְקֻדָּה. וְשָׁם בְּהַנְּקֻדָּה הַזֹּאת, שׁוֹרָה הָאַהֲבָה הַנִּקְרָא כֹּהֵן. וְהַנְּקֻדָּה הַזֹּאת, הוּא בְּחִינַת צַדִּיק לְגַבֵּי חֲבֵרוֹ. וְהַנְּקֻדָּה הַזֹּאת, מֵאִיר לְלֵב חֲבֵרוֹ, הַנִּקְרָא וָאו. וְכָל הַנְּקֻדּוֹת הַלָּלוּ, הַיְנוּ הַנְּקֻדָּה הַנִּקְרָא פִּי יְדַבֵּר חָכְמוֹת, וְגַם הַנְּקֻדָּה שֶׁיֵּשׁ בְּכָל אֶחָד מַה שֶּׁאֵין בַּחֲבֵרוֹ. הֵם עֲנָפִים לְהַצַּדִּיק, שֶׁהוּא נְקֻדָּה כְּלָלִיּוּת שֶׁל כָּל יִשְׂרָאֵל. שֶׁהַכֹּל צְרִיכִין לְקַבֵּל מִתְּחִלָּה מֵהַצַּדִּיק, וְאַחַר־כָּךְ יְקַבְּלוּ דֵּין מִן דֵּין, וְכָל אֶחָד יְקַבֵּל מִנֵּהּ וּבֵהּ. וְעַל־יְדֵי שְׁלֹשָׁה בְּחִינוֹת אֵלּוּ, נִתְבַּטֵּל הַחֲרָפוֹת, הַיְנוּ עָרְלַת לֵב, הַיְנוּ אַהֲבוֹת רָעוֹת. וְזֶהוּ: "עַל כָּל פְּשָׁעִים תְּכַסֶּה אַהֲבָה", **כִּי שָׁם שׁוֹרָה אַהֲבָה הַקְּדוֹשָׁה:**

אין יעדן איינעם איז דא א נקודה "מה שאין בחברו", און דארטן איז שורה אהבה דקדושה, עס איז א בחינת צדיק. אז מען קומט זיך צונויף, נעמט דער פון דעם און דער נעמט פון דעם.

אונזערע לייט פלעגן זאגן: 'אזוי ווי מען איז מחויב צו האבן התבודדות אלע טאג, אזוי דארף מען אויך האבן א חבר אלע טאג!' רעדן מיט א חבר אלע טאג.

(אזוי ווי) עס איז א חיוב צו האבן א חיבור צום צדיק - לערנען דעם צדיק'ס ספרים, לערנען אלע טאג, (כמו"כ) א חבר אויך דארף מען האבן אלע טאג - א חבר, רעדן, לערנען.

❖

## וחירה - 'רעהו'

דא לערנט מען, מען זיצט צוזאמען, מען רעדט פון רבי'ן, עס איז א בחינה פון א חבר, מען נעמט פארנאכט, מען טרעפט זיך צוזאמען, רעדט מען א דיבור, אז ס'זאל הייסן א בחינת חבר. אבער אז מען האט עס נישט, דארף מען זעהן זוכן רעדן מיט א חבר, א חבר וואס זאל אים נישט אראפווארפן, א חבר קען זיין אמאל צופיל פרום, ער זאל אים געבן א קנאק, טויג נישט!

עס שטייט: "וחירה רעהו" - חירה איז געווען דער חבר פון יהודה, "וחירה רעהו העדולמי תמנתה"[נא], חירה האט געוואוסט די גאנצע מעשה און ער האט אים (נישט אראפגעווארפן), אזא חבר דארף מען האבן[נב]. ס'איז פון די מעשיות אין די תורה -

**נא.** בראשית לח, יב

**נב.** עי' ספר קול מבשר ח"א פר' וישב בשם ספר חיי יצחק שכתב בשם **הרבי ר' בונם מפשיסחא** זצ"ל שאמר: שמענין יהודה ותמר ואיך ששלח גדי העזים ע"י 'חירה רעהו' יש ללמוד מה הוא ידיד נאמן. כי יהודה סיפר לו מה שעשה וכו', וגם אחרי שסיפר לו נשאר חירה ליהודה ידיד נאמן, ולא ירד ערכו בעיניו אפילו בכי הוא זה!

געוועגטליך ליגן דארטן גרויסקייטן, אבער חירה האט אים נישט אראפגעווארפן, ער האט אים געשיקט גיין געבן דארטן, ער האט נישט געטראפן...

❖

## מילתא דשטותא ביי אונזערע זקנים

(רמ"ב: דער רבי ברענגט: 'עס האט פנים אז מען קען נישט פרייליך זיין, נאר דורך נאריש מאכן זיך'[נג]).

מען האט שוין כמה מאל גערעדט, פון דער מילתא דשטותא מאכט זיך אמאל ביי מענטשן אביסל ליצנות מיט ווערטלעך.

מיר האבן געזעהן פון די זקנים וואס עס הייסט מילתא דשטותא - מיר האבן געזעהן די מילתא דשטותא!

די גמרא זאגט אויף רבה'ן[נד] אויך, מילתא דבדיחותא פאר'ן לערנען. דער זוהר זאגט אויף רב המנונא'ן אויך[נה], כמה פרקי מלתא דבדיחותא. און וואס פאר א מלתא דבדיחותא איז דארטן געווען?!

אסאך זאכן, איז דא וואס איך וויים נישט וואס - און איך קען עס נישט טאן.

מען קומט זיך צונויף, און איינער וועט זיך איבערקערן מאכן זיך משוגע, דאס איז ממש אזוי ווי מחלל השם, מען וועט קומען זאגן: 'ברסלב'ער זענען משוגעים' - זייער זאך איז

---

**נג.** עי' שי"ה שיחה כ'. מובא בליקו"ה נפילת אפיים ה"ד, אות ה', עי"ש באריכות טעם נפלא מדוע אי אפשר להיות בשמחה כי אם ע"י מילתא דשטותא.

**נד.** עי' גמ' שבת ל:, ובפסחים קיז. מובא בליקו"ה הנ"ל, עי"ש.

**נה.** עי' זוה"ק תזריע, דף מז: - מובא בליקו"ה הנ"ל, עי"ש.

גארנישט, עס קען נישט זיין אז דאס זאל זיין די מילתא דשטותא וואס דער רבי האט געמיינט, מאכן ליצנות מיט ווערטלעך?!

(רמ"ב: יענער איז צעבראכן, איך ווייס וואס? ער קען זיך נישט אפקילן).

(רנ"ב: דער רבי האט געמיינט ברבים? ער איז צובראכן ביי זיך - מאך זיך אביסל נאריש פאר זיך, אבער נישט ברבים). (ר' נתן אנשין: דער רבי שטעלט צו אין ליקוטי מוהר"ן 'אהניה ליה שטותא' - איז דא א גמרא - געגומען דארטן הדסים[נז]. רנ"ב: דאס איז ביי א שמחה, דאס איז א אנדערע זאך. דער רבי רעדט ביי א חתונה, מען קערט זיך איבער, מה שמהפכין[נז]) **איך בין געווען אויף חתונה'ס אויך, מען האט פרייליך געמאכט און דאס האבן מיר נישט געזעהן, דאס וואס מיר מיינען.**

**וואס מיינט די גמרא אז ער האט געזאגט פרקי מלתא דבדיחותא, וואס מיינט די גמרא?! ביי די תנאים! גאנצע פרקים מילתא דבדיחותא וואס איז געווען דארטן!?**

(רנ"ב: אויף אידיש האט דער רבי געזאגט: ס'האט א פנים אז מען קען נישט פרייליך זיין נאר מיט 'נאריש' מאכן זיך[נח], ער האט נישט געזאגט משוגע מאכן זיך).

❖

# די שמחה דורך א שטיקל שאלאכטס

איך האב געהערט אז עס איז געווען אמאל אז זיי פלעגן פארן פון ר"ה, אוועקגעפארן, אויף דער נאכט פון צום גדלי' אויף מארגן פון ראש השנה איז דאך א תענית, פלעגט

---

**נו.** עי' קיצור ליקו"מ תניינא תו' י' אות ו': "גַּם כַּמָּה פְּעָמִים צְרִיכִין לְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ עַל־יְדֵי מִלֵּי דִּשְׁטוּתָא, מִלֵּי דִּבְדִיחוּתָא. **וּמֵרִבּוּי צָרוֹת הָאָדָם שֶׁסּוֹבֵל כָּל אֶחָד בְּגוּף וָנֶפֶשׁ וּמָמוֹן, עַל־כֵּן עַל־פִּי רֹב אֵין יְכוֹלִין לְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ כִּי אִם עַל־יְדֵי מִלֵּי דִּשְׁטוּתָא, לַעֲשׂוֹת עַצְמוֹ כְּשׁוֹטֶה כְּדֵי לָבוֹא לְשִׂמְחָה!** (אָמַר הַמַּעְתִּיק: עַיֵּן בָּזֶה בִּגְמָרָא כְּתֻבּוֹת (דַּף י"ז.): **אַהֲנְיֵה לֵיהּ שְׁטוּתֵי** לְסַבָּא וכו', עיי"ש. וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י שֶׁהָיָה מִתְנַהֵג כְּשׁוֹטֶה לְשַׂמֵּחַ חָתָן וְכַלָּה: וּבִגְמָרָא עֵרוּבִין נ"ד ע"ב בְּרַשִׁ"י דִּבּוּר הַמַּתְחִיל: בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָּמִיד בִּשְׁבִיל אַהֲבָתָהּ תַּעֲשֶׂה עַצְמְךָ שׁוֹטֶה וּפֶתִי וְכוּ'.

**נז.** עי' שיחות הר"ן פ"ו

**נח.** עי' שיחות הר"ן קע"ז: גַּם חִזֵּק אֶת אֶחָד שֶׁיְּשַׂמַּח אֶת עַצְמוֹ אֲפִלּוּ בְּעִסְקֵי חֹל. וְאָמַר לוֹ: בְּוַדַּאי כֵּן הוּא, שֶׁבַּתְּחִלָּה צְרִיכִין לְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ בְּמִלֵּי דְעָלְמָא בְּכָל מַה שֶׁיְּכוֹלִין, **וְאַחַר כָּךְ בָּאִין לְשִׂמְחָה אֲמִתִּית!**

מען אויף דער נאכט פארן דארט מיט'ן פוהר און זיך אפגעשטעלט דארטן ביינאכט און געמאכט מלוה מלכה צוזאמען.

עס איז געפארן דארטן דער טשעהרינער רב, ר' אברהם בער'ניו פון טשעהרין, אלע זענען געפארן, האט מען דערציילט אז ר' אפרים ר' נפתלי'ס האט גענומען א שטיקל שאלאכטס און געווארפן דעם רב, און עס האט גענומען דער רב און צוריק געווארפן, עס איז געווארן אזא מין שמחה פון די צוויי צדיקים, אזא מין שמחה איז געווארן, שוין, דאס איז געווען די מלתא דבדיחותא (ביי אונזערע זקנים).

(השואל: מען האט זיך אפגעשטעלט אין טשעהרין?)

נישט אין טשעהרן, אינמיטן וועג.


על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

המחותנים
מו"ה **יוסף ישעי' לאווען** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל אירוסי בנו הבה"ח חיים יחזקאל
עב"ג מו"ה **נטע קויפמאן** הי"ו
קרית יואל

מוה"ר **יחיאל יוסף מארמארשטיין** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל שמחת הולדת בנו
למזל טוב

מוה"ר **אביגדור שבתי כ"ץ** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל שמחת
הולדת הבת למז"ט

מוה"ר **אברהם אהרן מארמארשטיין** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
לרגל שמחת הולדת
הבת למז"ט

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו - י"ב שבט תשע"ט תנצב"ה